# NUSAKH VILNE MEMORIAL




YIVO Institute for Jewish Research

September 29, 2024 | 1:00pm ET

# MUSICAL PROGRAM

Vilna
*Vilne* | ווילנע

---

Barricades
*Barikadn* | באַריקאַדן

---

Springtime
*Friling* | פֿרילינג

---

Jew, You Partisan
*Yid, du partizaner* | ייִד, דו פּאַרטיזאַנער

---

Quiet, Quiet
*Shtiler, shtiler* | שטילער, שטילער

---

Hymn of Youth
*Yugnt-himen* | יוגנט־הימען

---

Let Our Salvation Come
*Zol shoyn kumen di geule* | זאָל שוין קומען די גאולה

---

Never Say
*Zog nit keyn mol* | זאָג ניט קיין מאָל

---

*This program is supported, in part, by public funds from the New York City Department of Cultural Affairs, in partnership with the City Council.*

NYC Cultural Affairs

# Vilna

## *Vilne* | ווילנע

### Words by A. L. Wolfson, Music by Alexander Olshanetsky

*Vilne — shtot fun gayst un tmimes,*
*Vilne — yidishlekh fartrakht,*
*Vu es murmlen shtile tfiles,*
*Shtile soydes fun der nakht.*
*Oft mol ze ikh dir in kholem,*
*Heys gelibte vilne mayn,*
*Un di alte vilner geto*
*In a nepldikn shayn.*

*Vilne, vilne, undzer heymshtot,*
*Undzer benkshaft un bager.*
*Akh, vi oft es ruft dayn nomen*
*Fun mayn oyg aroys a trer.*
*Vilner geslekh, vilner taykhn,*
*Vilner velder, barg un tol.*
*Epes noyet, epes benkt zikh*
*Nokh di tsaytn fun amol.*

*Kh'ze dem veldele zakreter*
*In zayn shotn ayngehilt,*
*Vu geheym es hobn lerer*
*Undzer visndursht geshtilt.*
*Vilne hot dem ershtn fodem*
*Fun der frayheytsfon gevebt*
*Un di libe kinder ire —*
*Mit a tsartn gayst balebt.*

*Vilne, vilne, undzer heymshtot. . .*

ווילנע — שטאָט פֿון גײַסט און תּמימות,
ווילנע — ייִדישלעך פֿאַרטראַכט,
וווּ עס מורמלען שטילע תּפֿילות
שטילע סודות פֿון דער נאַכט.
אָפֿט מאָל זע איך דיר אין חלום,
הייס געליבטע ווילנע מײַן,
און די אַלטע ווילנער געטאָ
אין אַ נעפּלדיקן שײַן.

ווילנע, ווילנע, אונדזער היימשטאָט,
אונדזער בענקשאַפֿט און באַגער;
אַך, ווי אָפֿט עס רופֿט דײַן נאָמען
פֿון מײַן אויג אַרויס אַ טרער.
ווילנער געסלעך, ווילנער טײַכן,
ווילנער וועלדער, באַרג און טאָל.
עפּעס נויעט, עפּעס בענקט זיך
נאָך די צײַטן פֿון אַמאָל.

כ׳זע דעם וועלדעלע זאַקרעטער
אין זײַן שאָטן אײַנגעהילט,
וווּ געהיים עס האָבן לערער
אונדזער וויסנדורשט געשטילט.
ווילנע האָט דעם ערשטן פֿאָדעם
פֿון דער פֿרײַהײַטספֿאָן געוועבט
און די ליבע קינדער אירע —
מיט אַ צאַרטן גײַסט באַלעבט.

ווילנע, ווילנע, אונדזער היימשטאָט. . .

Vilna — city of spirit and innocence.
Vilna — conceived in Jewish ways,
Where quiet prayers murmured
Soft secrets of the night.
I often see you in my dreams,
Dearly beloved Vilna of mine,
And the old Vilna ghetto
In a foggy glow.

Vilna, Vilna, our hometown,
Our longing and desire.
Ah, how often your name calls forth
A tear from my eye.
Vilna streets, Vilna rivers,
Vilna forests, mountains and valleys.
Something gnaws at me,
Makes me yearn for the days of long ago.

I see the Zakret forest,
Enveloped in its shadows,
Where teachers secretly slaked
our thirst for knowledge.
Vilna sewed the first thread
Of our flag of freedom,
And inspired its children
With a gentle spirit.

Vilna, Vilna, our hometown. . .

*Translation from*
*Songs of Generations: New Pearls of Yiddish Song*
*by Eleanor and Joseph Mlotek*

# Barricades

## *Barikadn* | באַריקאַדן

### Words by Shmerke Kaczerginski, Composer Unknown

*Tates, mames, kinderlekh*
*Boyen barikadn,*
*Oyf di gasn geyen arum*
*Arbeter-otryadn.*

טאַטעס, מאַמעס, קינדערלעך
בויען באַריקאַדן,
אויף די גאַסן גייען אַרום
אַרבעטער-אָטריאַדן.

*S'iz der tate fri fun shtub*
*Avek oyf der fabrik,*
*Vet er shoyn in shtibele*
*Nit kumen haynt tsurik.*

ס'איז דער טאַטע פֿרי פֿון שטוב
אַוועק אויף דער פֿאַבריק,
וועט ער שוין אין שטיבעלע
ניט קומען הײַנט צוריק.

*S'veysn gut di kinderlekh,*
*Der tate vet nit kumen,*
*S'iz der tate haynt in gas*
*Mit zayn biks farnumen.*

ס'ווייסן גוט די קינדערלעך,
דער טאַטע וועט ניט קומען,
ס'איז דער טאַטע הײַנט אין גאַס
מיט זײַן ביקס פֿאַרנומען.

*S'iz di mame oykh avek*
*In gas farkoyfn epl,*
*Shteyen in kikh faryosemte*
*Di teler mitn tepl.*

ס'איז די מאַמע אויך אַוועק
אין גאַס פֿאַרקויפֿן עפּל,
שטייען אין קיך פֿאַריתומטע
די טעלער מיטן טעפּל.

*— S'vet nit zayn keyn vetshere –*
*Zogt Khanele di yatn, –*
*Vayl di mame iz avek*
*Tsuhelfn dem tatn. . .*

— ס'וועט ניט זײַן קיין וועטשערע —
זאָגט חנהלע די יאַטן, —
ווײַל די מאַמע איז אַוועק
צוהעלפֿן דעם טאַטן. . .

*Plutsling—trakh! a pule iz*
*Arayn in kleynem shtibl,*
*Farbaygefloygn Khanelen,*
*Gemakht in vant a gribl.*

פּלוצלינג — טראַך! אַ פּולע איז
אַרײַן אין קליינעם שטיבל,
פֿאַרבײַגעפֿלויגן חנהלען,
געמאַכט אין וואַנט אַ גריבל.

*– Oyb azoy—zogt Khanele –*
*– Kinder, kumt mit mir!*
*Motye, nem di groyse korb,*
*Meyerke—di tir.*

— אויב אַזוי — זאָגט חנהלע —
— קינדער, קומט מיט מיר!
מאָטיע, נעם די גרויסע קאָרב,
מאירקע — די טיר.

*Di shuflodn fun kamod,*
*Mit an altn fas,*
*A barikade shteln mir*
*Oyf in mitn gas.*

די שופֿלאָדן פֿון קאַמאָד,
מיט אַן אַלטן פֿאַס,
אַ באַריקאַדע שטעלן מיר
אויף אין מיטן גאַס.

*Di barikade oyfgeshtelt,*
*In shtibl nito keyner,*
*Loyfn politsey farbay,*
*Di kinder varfn shteyner.*

די באַריקאַדע אויפֿגעשטעלט,
אין שטיבל ניטאָ קיינער,
לויפֿן פּאָליציי פֿאַרבײַ,
די קינדער וואַרפֿן שטיינער.

*Vos mir, ven mir vetshere,*
*Es dunern harmatn,*
*Di kinderlekh fun shtibele*
*Helfn mamen-tatn. . .*

וואָס מיר, ווען מיר וועטשערע,
עס דונערן האַרמאַטן,
די קינדערלעך פֿון שטיבעלע
העלפֿן מאַמען-טאַטן. . .

*Tates, mames, kinderlekh*
*Boyen barikadn,*
*Oyf di gasn geyen arum*
*Arbeter-otryadn.*

טאַטעס, מאַמעס, קינדערלעך
בויען באַריקאַדן,
אויף די גאַסן גייען אַרום
אַרבעטער-אָטריאַדן.

Fathers, mothers and little children
Are building barricades.
Patrolling the streets,
Are the worker brigades.

Father has left the house
Early for the factory.
To the house, he will not
Come back today.

The children know well
Their father will not come.
Today, in the street, Father
Is busy with his rifle.

Mother has also gone away
To sell apples in the street,
In the kitchen, like orphans,
Stand the plates and the pot.

"There won't be any supper,"
Khanele tells the lads,
Because Mother is off
To help our father.

Suddenly–bang! A bullet
Came into the house,
Flew past Khanele,
And buried itself in the wall.

"If that's how it is," says Khanele,
"Children, come with me!
Motye, take the big basket,
Meyerke, the door.

"The drawers from the dresser,
And an old barrel.
We'll make a barricade
In the middle of the street."

The barricade erected,
No one is in the house.
The police run past,
The children throw stones.

Who cares about supper
When cannons are roaring,
The children of the house
Are helping their mother and father.

Fathers, mothers and little children
Are building barricades.
Patrolling the streets, are
The worker brigades.

*Translation from*
*Songs of Generations: New Pearls of Yiddish Song*
*by Eleanor and Joseph Mlotek*

# Springtime
## *Friling* | פֿרילינג

### Words by Shmerke Kaczerginski, Music by Abraham Brudno

| | |
|---|---|
| *Ikh blondzhe in geto* | איך בלאָנדזשע אין געטאָ |
| *Fun gesl tsu gesl* | פֿון געסל צו געסל |
| *Un ken nit gefinen keyn ort:* | און קען ניט געפֿינען קיין אָרט: |
| *Nito iz mayn liber,* | ניטאָ איז מײַן ליבער, |
| *Vi trogt men ariber? —* | ווי טראָגט מען אַריבער? — |
| *Mentshn, o zogt khotsh a vort.* | מענטשן, אָ זאָגט כאָטש אַ וואָרט. |
| *Es laykht af mayn heym itst* | עס לײַכט אויף מײַן היים איצט |
| *Der himl der bloyer —* | דער הימל דער בלויער — |
| *Vos zhe hob ikh itst derfun?* | וואָס זשע האָב איך איצט דערפֿון? |
| *Ikh shtey vi a betler* | איך שטיי ווי אַ בעטלער |
| *Bay yetvidn toyer* | בײַ יעטווידן טויער |
| *Un betl — a bisele zun.* | און בעטל — אַ ביסעלע זון. |
| | |
| *Friling, nem tsu mayn troyer,* | פֿרילינג, נעם צו מײַן טרויער, |
| *Un breng mayn libstn,* | און ברענג מײַן ליבסטן, |
| *Mayn trayen tsurik.* | מײַן טרײַען צוריק. |
| *Friling, af dayne fligl bloye,* | פֿרילינג, אויף דײַנע פֿליגל בלויע, |
| *O, nem mayn harts mit* | אָ נעם מײַן האַרץ מיט |
| *Un gib es op mayn glik.* | און גיב עס אָפּ מײַן גליק. |
| | |
| *Ikh gey tsu der arbet* | איך גיי צו דער אַרבעט |
| *Farbay undzer shtibl,* | פֿאַרבײַ אונדזער שטיבל, |
| *In troyer — der toyer farmakht.* | אין טרויער — דער טויער פֿאַרמאַכט. |
| *Der tog a tsehelter,* | דער טאָג אַ צעהעלטער, |
| *Di blumen farvelkte,* | די בלומען פֿאַרוועלקטע, |
| *Zey vyanen — far zey iz oykh nakht.* | זיי וויאַנען — פֿאַר זיי איז אויך נאַכט. |
| *Far nakht af tsurik vegs,* | פֿאַר נאַכט אויף צוריק וועגס, |
| *Es noyet der troyer,* | עס נויעט דער טרויער, |
| *Ot do hostu, libster, gevart.* | אָט דאָ האָסטו, ליבסטער, געוואַרט. |
| *Ot do inem shotn* | אָט דאָ אינעם שאָטן |
| *Nokh kentik dayn trot iz,* | נאָך קענטיק דײַן טראָט איז, |
| *Flegst kushn mikh liblekh un tsart.* | פֿלעגסט קושן מיך ליבלעך און צאַרט. |
| | |
| *Friling, nem tsu mayn troyer. . .* | פֿרילינג, נעם צו מײַן טרויער. . . |
| | |
| *S'iz hayyor der friling* | ס'איז הײַיאָר דער פֿרילינג |
| *Gor fri ongekumen,* | גאָר פֿרי אָנגעקומען, |
| *Tseblit hot zikh benkshaft nokh dir,* | צעבליט האָט זיך בענקשאַפֿט נאָך דיר, |
| *Ikh ze dikh vi itster* | איך זע דיך ווי איצטער |
| *Balodn mit blumen,* | באַלאָדן מיט בלומען, |
| *A freydiker geystu tsu mir.* | אַ פֿריידיקער גייסטו צו מיר. |
| *Di zun hot fargosn* | די זון האָט פֿאַרגאָסן |
| *Dem gortn mit shtraln,* | דעם גאָרטן מיט שטראַלן, |
| *Tsheshprotst hot di erd zikh in grin.* | צעשפּראָצט האָט די ערד זיך אין גרין. |
| *Mayn trayer, mayn libster,* | מײַן טרײַער, מײַן ליבסטער, |
| *Vu bistu farfaln? —* | וווּ ביסטו פֿאַרפֿאַלן? — |
| *Du geyst nit aroys fun mayn zin.* | דו גייסט ניט אַרויס פֿון מײַן זין. |
| | |
| *Friling, nem tsu mayn troyer. . .* | פֿרילינג, נעם צו מײַן טרויער. . . |

I roam through the ghetto
From alley to alley
Useless, no haven I find;
Gone my beloved,
Oh how can I bear it? —
Won't somebody say something kind?
My house is aglow now,
The sky so much bluer —
What does that mean in my life?
I stand like a beggar,
I huddle at gateways
And beg for a handful of light.

Springtime, dispel my sorrow,
Bring my beloved,
My dear one to me.
Springtime, blue wings for me you'll borrow,
Oh, take my poor heart,
And return my joy to me.

I go to my labor
I pass by our dwelling,
Bereaved now — the gate is shut tight.
The day bathed in sunshine,
Sad flowers are fading,
They weep — for them too it is night.
At night when returning,
With deep sadness gnawing,
Right here, love, you waited for me.
Right here in the shadow
I still hear your step fall,
Your arms held me so tenderly.

Springtime, dispel my sorrow . . .

This year the springtime
Is with us so early,
My longing for you burst in bloom,
I see you as now, dear,
All covered with flowers,
With gladness you'll come to me soon.
The sun has now showered
The garden with sunshine,
The earth is all covered in green.
My darling. my loved one,
Are you lost lor all time?
My mind cannot bear what that means.

Springtime, dispel my sorrow . . .

*Translation from*
*We Are Here: Songs of the Holocaust*
*by Malke Gottleib and Chana Mlotek*

# Jew, You Partisan

## *Yid, du partizaner* | ייִד, דו פּאַרטיזאַנער

### Words by Shmerke Kaczerginski, Composer Unknown

*Fun di getos tsife-vent —*
*In di velder fraye,*
*Anshtot keytn af di hent*
*Kh'halt a biks a nayem.*
*Af di oyfgabes mayn fraynd*
*Kusht mir haldz un aksl,*
*Mitn biks kh'bin nit fun haynt*
*Fest tsunoyfgevaksn.*

*Veynik zaynen mir in tsol,*
*Dreyste vi milyonen,*
*Raysn mir af barg un tol*
*Brikn, eshalonen.*
*Der fashist fartsitert vert,*
*Veyst nit vu, fun vanen —*
*Shturmen vi fun unter erd —*
*Yidn-partizaner.*

*S'vort "nekome" hot a zin*
*Ven mit blut farshraybst im,*
*Far dem heylikn bagin*
*Firn mir di shtraytn.*
*Neyn! Mir veln keyn mol zayn*
*Letste mohikaner,*
*S'brengt der nakht — di zunenshayn,*
*Der yid — der partizaner.*

פֿון די געטאָס תּפֿיסה־ווענט —
אין די וועלדער פֿרײַע,
אַנשטאָט קייטן אויף די הענט
כ'האַלט אַ ביקס אַ נײַעם.
אויף די אויפֿגאַבעס מײַן פֿרײַנד
קושט מיר האַלדז און אַקסל,
מיטן ביקס כ'בין ניט פֿון הײַנט
פֿעסט צונויפֿגעוואַקסן.

ווייניק זײַנען מיר אין צאָל,
דרייסטע ווי מיליאָנען,
רײַסן מיר אויף באַרג און טאָל
בריקן, עשאַלאָנען.
דער פֿאַשיסט פֿאַרציטערט ווערט,
ווייסט ניט וווּ, פֿון וואַנען —
שטורמען ווי פֿון אונטער ערד —
ייִדן־פּאַרטיזאַנער.

ס'וואָרט „נקמה" האָט אַ זין
ווען מיט בלוט פֿאַרשרײַבסט אים,
פֿאַר דעם הייליקן באַגין
פֿירן מיר די שטרײַטן.
ניין! מיר וועלן קיין מאָל זײַן
לעצטע מאָהיקאַנער,
ס'ברענגט דער נאַכט — די זונענשײַן,
דער ייִד — דער פּאַרטיזאַנער.

From these ghetto prison walls
Into the free forests
Instead of chains on my hands
I carry a new rifle
On missions, my friend kisses me
Throat and shoulder
From this day on
I am one with my weapon.

We are few in number
But we count for millions.
On hills and in valleys
We explode bridges, brigades.
The fascist will tremble
Won't know from where
Jews, partisans,
Storm up from under the earth.

A word like "revenge" counts for something
When you're willing to write it in blood.
We strike before
Sacred day's dawn.
And no! We will not be the last,
"The Last of the Mohicans."
We bring sunshine to the night
Jews — Partisans!

*Translation from*
*Ghetto Tango - Wartime Yiddish Theater*
*by Adrienne Cooper and Zalmen Mlotek*

# Quiet, Quiet

## *Shtiler, shtiler* | שטילער, שטילער

Words by Shmerke Kaczerginski, Music by Alexander Volkoviski

| | |
|---|---|
| *Shtiler, shtiler, lomir shvaygn,* | שטילער, שטילער, לאָמיר שווײַגן, |
| *Kvorim vaksn do.* | קבֿרים וואַקסן דאָ. |
| *S'hobn zey farflantst di sonim:* | ס'האָבן זיי פֿאַרפֿלאַנצט די שׂונאים: |
| *Grinen zey tsum blo.* | גרינען זיי צום בלאָ. |
| *S'firn vegn tsu Ponar tsu,* | ס'פֿירן וועגן צו פּאָנאַר צו, |
| *S'firt keyn veg tsurik,* | ס'פֿירט קיין וועג צוריק, |
| *lz der tate vu farshvundn* | איז דער טאַטע ווו פֿאַרשוווּנדן, |
| *Un mit im dos glik.* | און מיט אים דאָס גליק. |
| *Shtiler, kind mayns, veyn nit, oytser,* | שטילער, קינד מײַנס, וויין ניט, אוצר, |
| *S'helft nit keyn geveyn.* | ס'העלפֿט ניט קיין געוויין, |
| *Undzer umglik veln sonim* | אונדזער אומגליק וועלן שׂונאים, |
| *Say vi nit farshteyn.* | סײַ ווי ניט פֿאַרשטיין. |
| *S'hobn breges oykh di yamen,* | ס'האָבן ברעגעס אויך די ימען, |
| *S'hobn tfises oykhet tsamen,* | ס'האָבן תּפֿיסות אויכעט צאַמען, |
| *Nor tsu undzer payn* | נאָר צו אונדזער פּײַן |
| *Keyn bisl shayn. (2x)* | קיין ביסל שײַן. (2x) |
| | |
| *Friling afn land gekumen —* | פֿרילינג אויפֿן לאַנד געקומען, — |
| *Un undz harbst gebrakht.* | און אונדז האַרבסט געבראַכט. |
| *Iz der tog haynt ful mit blumen —* | איז דער טאָג הײַנט פֿול מיט בלומען, — |
| *Undz zet nor di nakht.* | אונדז זעט נאָר די נאַכט. |
| *Goldikt shoyn der harbst af shtamen —* | גאָלדיקט שוין דער האַרבסט אויף שטאַמען, — |
| *Blit in undz der tsar;* | בליט אין אונדז דער צער: |
| *Blaybt faryosemt vu a mame;* | בלײַבט פֿאַריתומט ווו אַ מאַמע; |
| *S'kind geyt af Ponar.* | ס'קינד גייט אויף פּאָנאַר. |
| *Vi di Vilye a geshmidte —* | ווי די וויליע אַ געשמידטע — |
| *T'oykh geyokht in payn,* | ט'אויך געיאָכט אין פּײַן, — |
| *Tsien kries ayz durkh Lite* | ציִען קריִעס אײַז דורך ליטע |
| *Itst in yam arayn.* | איצט אין ים אַרײַן. |
| *S'vert der khoyshekh vu tserunen,* | ס'ווערט דער חושך ווו צערונען, |
| *Fun der fintster laykhtn zunen —* | פֿון דער פֿינצטער לײַכטן זונען — |
| *Rayter, kum geshvind —* | רײַטער, קום געשווינד, — |
| *Dikh ruft dayn kind. (2x)* | דיך רופֿט דײַן קינד. (2x) |
| | |
| *Shtiler, shtiler, s'kveln kvaln* | שטילער, שטילער, ס'קוועלן קוואַלן |
| *Undz in harts arum.* | אונדז אין האַרץ אַרום, |
| *Biz der toyer vet nit faln* | ביז דער טויער וועט ניט פֿאַלן |
| *Zayn mir muzn shtum.* | זײַן מיר מוזן שטום. |
| *Frey nit, kind, zikh, s'iz dayn shmeykhl* | פֿריי ניט, קינד, זיך, ס'איז דײַן שמייכל |
| *Itst far undz farrat.* | איצט פֿאַר אונדז פֿאַרראַט, |
| *Zen dem filing zol der soyne* | זען דעם פֿרילינג זאָל דער שׂונא |
| *Vi in harbst a blat.* | ווי אין האַרבסט אַ בלאַט. |
| *Zol der kval zikh ruik flisn,* | זאָל דער קוואַל זיך רויִק פֿליסן, |
| *Shtiler zay un hof. . .* | שטילער זײַ און האָף. . . |
| *Mit der frayhayt kumt der tate —* | מיט דער פֿרײַהייט קומט רער טאַטע, |
| *Shlof zhe, kind mayn, shlof.* | שלאָף זשע, קינד מײַן, שלאָף, |
| *Vi di Vilye a bafrayte,* | ווי די וויליע אַ באַפֿרײַטע, |
| *Vi di beymer grin-banayte* | ווי די ביימער גרין־באַנײַטע |
| *Laykht bald frayhayts-likht* | לײַכט באַלד פֿרײַהייטס־ליכט |
| *Af dayn gezikht. (2x)* | אויף דײַן געזיכט. (2x) |

Quiet, quiet, let's be silent,
Dead are growing here.
They were planted by the tyrant,
See their bloom appear.
AII the roads lead to Ponar now,
There are no roads back,
And our father too has vanished,
And with him our luck.
Still, my child, don't cry, my jewel,
Tears no help commands,
Our pain callous people
Never understand.
Seas and oceans have their order.
Prison also has its border,
But to our plight
There is no light. (2x)

Spring has come, the earth receives her
Bui to us brings fall.
And the day is filled with flowers,
To us darkness calls.
Autumn leaves with gold are softened,
In us grow deep scars,
And a mother somewhere orphaned
Her child in Ponar.
Now the river too is prisoner-
Is enmeshed in pain-
While the blocks of ice tear through her,
To the ocean strain.
Still, things frozen melt, remember,
And cold winds to warmth surrender-
Future bring a smile-
So calls your child. (2x)

Quiet, quiet, wells grow stronger
Deep within our hearts,
Till the gates are there no longer.
No sound must impart.
Child, rejoice not, it's your smiling
That is not allowed,
Let the foe encounter springtime
As an autumn cloud.
Let the well flow gently onward,
Silent be and dream . . .
Coming freedom brings your father,
Slumber, child serene.
As the river liberated,
Springtime green is celebrated
Kindle freedom's light,
It is your right. (2x)

*Translation from*
*We Are Here: Songs of the Holocaust*
*by Malke Gottleib and Chana Mlotek*

# Hymn of Youth

## *Yugnt-himen* | יוגנט־הימען

### Words by Shmerke Kaczerginski, Music by Basye Rubin

*Undzer lid iz ful mit troyer,*
*Dreyst is undzer muntergang.*
*Khotsh der soyne vakht baym toyer, —*
*Shturemt yugnt mit gezang:*

*Yung iz yeder, yeder, yeder ver es vil nor,*
*Yorn hobn keyn bataytm,*
*Alte kenen, kenen, kenen oykh zayn kinder*
*Fun a nayer, frayer tsayt.*

*Ver es voglt um af vegn,*
*Ver mit dreystkeyt s'shtelt zayn fus,*
*Brengt di yugnt zey antkegn*
*Funem geto a gerus.*

*Yung iz yeder. . .*

*Mir gedenken ale sonim.*
*Mir dermonen ale fraynd.*
*Eybik veln mir farbindn*
*Undzer nekhtn mitn haynt.*

*Yung iz yeder. . .*

*Klaybn mir tsunoyf di glider,*
*Vider shtoln mir di rey.*
*Geyt a boyer, geyt a shmider, —*
*Lomir ale geyn mit zey!*

*Yung iz yeder. . .*

אונדזער ליד איז פֿול מיט טרויער,
דרייסט איז אונדזער מונטער גאַנג.
כאָטש דער שׂונא וואַכט בײַם טויער, —
שטורעמט יוגנט מיט געזאַנג:

יונג איז יעדער, יעדער, יעדער ווער עס וויל נאָר,
יאָרן האָבן קיין באַטײַט,
אַלטע קענען, קענען, קענען אויך זײַן קינדער
פֿון אַ נײַער, פֿרײַער, צײַט.

ווער עס וואָגלט אום אויף וועגן,
ווער מיט דרייסטקייט ס'שטעלט זײַן פֿוס,
ברענגט די יוגנט זיי אַנטקעגן
פֿונעם געטאָ אַ גערוס.

יונג איז יעדער. . .

מיר געדענקען אַלע שׂונאים,
מיר דערמאָנען אַלע פֿרײַנד.
אייביק וועלן מיר פֿאַרבינדן
אונדזער נעכטן מיטן הײַנט.

יונג איז יעדער. . .

קלײַבן מיר צונויף די גלידער,
ווידער שטאָלן מיר די ריי.
גייט אַ בויער, גייט אַ שמידער, —
לאָמיר אַלע גיין מיט זיי!

יונג איז יעדער. . .

Our song is filled with grieving,
Bold our step, we march along,
Though the foe the gateway's watching,
Youth comes storming with their song:

Young are they, are they, are they
Whose age won't bind them,
Years don't really mean a thing,
Elders also, also, also, can be children
In a newer, freer spring.

Those who roam upon the highways,
Those whose step with hope is strong,
From the ghetto youth salutes them
And their greetings send along.

Young are they. . .

We remember all our tyrants,
We remember all our friends,
And we pledge that in the future
Our past and present blend.

Young are they. . .

So we're girding our muscles,
In our ranks we're planting steel.
Where a blacksmith, builder marches —
We will join them with our zeal!

Young are they. . .

*Translation from*
*We Are Here: Songs of the Holocaust*
*by Malke Gottleib and Chana Mlotek*

# Let Our Salvation Come

## *Zol shoyn kumen di geule* | זאָל שוין קומען די גאולה

Words by Shmerke Kaczerginski, Music by Rabbi Abraham Isaac Kook

*Ongezolyet afn hartsn, makht men a lekhayim.*
*Oyb der umet lozt nit ruen — zingen mir a lid.*
*lz nito keyn bisl bronfn — lomir trinken mayim,*
*Mayim-khayim iz dokh khayim — vos darf nokh a yid?*

*Zol shoyn kumen di geule, (3x)*
*Meshiekh kumt shoyn bald!*

*S'iz a dor fun kule-khayev, zayt nit keyn naronim —*
*Un fun zindikn — Meshiekh gikher kumen vet!*
*Akh, du tatele in himl, s'betn bney-rakhmonim:*
*Ze, Meshiekh zol nit kumen a bisele tsu shpet. . .*

*Zol shoyn kumen di geule. . .*

*S'tantsn beymer in di velder, shtern afn himl.*
*Reb Yisroel der mekhutn dreyt zikh in der mit.*
*S'vet zikh ufvekn Meshiekh fun zayn tifn driml*
*Ven er vet derhern undzer tfiledike lid.*

*Zol shoyn kumen di geule. . .*

אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן, מאַכט מען אַ לחיים.
אויב דער אומעט לאָזט ניט רוען — זינגען מיר אַ ליד.
איז ניטאָ קיין ביסל בראָנפֿן — לאָמיר טרינקען מים,
מים־חיים איז דאָך חיים — וואָס דאַרף נאָך אַ ייִד?

זאָל שוין קומען די גאולה, (3x)
משיח קומט שוין באַלד!

ס'איז אַ דור פֿון כּולו־חייבֿ, זייַט ניט קיין נאַראָנים —
און פֿון זינדיקן — משיח גיכער קומען וועט!
אַך, דו טאַטעלע אין הימל, ס'בעטן בני־רחמנים:
זע, משיח זאָל ניט קומען אַ ביסעלע צו שפּעט. . .

זאָל שוין קומען די גאולה. . .

ס'טאַנצןביימער אין די וועלדער, שטערן אויפֿן הימל.
ר' ישׂראל דער מחותּן דרייט זיך אין דער מיט.
ס'וועט זיך אויפֿוועקן משיח פֿון זייַן טיפֿן דרימל
ווען ער וועט דערהערן אונדזער תּפֿילהדיקע ליד.

זאָל שוין קומען די גאולה. . .

When we're feeling low, we raise a glass.
If the melancholy won't leave us be — we sing a song.
If there is not a bit of liquor — then let us drink water.
Fresh water is aqua-vitae — what more does a Jew need?

Let the Redemption come already, (3x)
The Messiah is coming soon.

It's a completely wicked generation, don't be fools,
And through sinning — the Messiah will come faster.
Oh, You, dear Father in heaven, we children of mercy pray,
See to it that the Messiah does not come just a little too late.

Let the Redemption come already. . .

Trees are dancing in the woods, stars in the sky,
Reb Israel, father of the bride, is dancing in their midst.
It will wake up the Messiah from his groggy nap,
When he hears our prayerful song.

Let the Redemption come already. . .

*Translation from*
*Mir Trogn A Gezang: Favorite Yiddish Songs*
*by Eleanor Gordon Mlotek*

# Never Say

## *Zog nit keyn mol* | זאָג ניט קיין מאָל

### Words by Hirsh Glik, Music by Dmitri Pokrass

*Zog nit keyn mol az du geyst dem letstn veg,*
*Khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.*
*Kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho,*
*Es vet a poyk ton undzer trot — mir zaynen do!*

*Fun grinem palmenland biz vaysn land fun shney,*
*Mir kumen on mit undzer payn, mit undzer vey,*
*Un vu gefaln s'iz a shprits fun undzer blut,*
*Shprotsn vet dort undzer gvure, undzer mut.*

*Es vet di morgnzun bagildn undz dem haynt,*
*Un der nekhtn vet farshvindn mitn faynd,*
*Nor oyb farzamen vet di zun in dem kayor —*
*Vi a parol zol geyn dos lid fun dor tsu dor.*

*Dos lid geshribn iz mit blut un nit mit blay,*
*S'iz nit keyn lidl fun a foygl af der fray,*
*Dos hot a folk tsvishn falndike vent*
*Dos lid gezungen mit naganes in di hent.*

*To zog nit keyn mol az du geyst dem letstn veg,*
*Khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.*
*Kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho —*
*Es vet a poyk ton undzer trot — mir zaynen do!*

זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זײַנען דאָ!

פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווײַסן לאַנד פֿון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי,
און וווּ געפֿאַלן ס'איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבֿורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם הײַנט,
און דער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿײַנד,
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס'איז ניט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ,
דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זײַנען דאָ!

Never say this is the final road for you,
Though leadened skies may cover over days of blue.
As the hour that we longed for is so near,
Our step beats out the message — we are here!

From lands so green with palms to lands all white with snow,
We shall be coming with our anguish and our woe,
And where a spurt of our blood fell on the earth,
There our courage and our spirit have rebirth.

The early morning sun will brighten our day,
And yesterday with our foe will fade away.
But if the sun delays and in the east remains —
This song as password generations must maintain.

This song was written with our blood and not with lead,
It's not a little tune that birds sing overhead,
This song a people sang amid collapsing walls
With grenades in hands they heeded to the call.

Therefore never say the road now ends for you,
Though leadened skies may cover over days of blue.
As the hour that we longed for is so near —
Our step beats out the message — we are here!

*Translation from*
*We Are Here: Songs of the Holocaust*
*by Malke Gottleib and Chana Mlotek*

## ABOUT THE PARTICIPANTS

Bret Werb is a long-serving music specialist and recorded sound curator at the US Holocaust Memorial Museum. Bret Werb has contributed to scholarly books and periodicals, produced recordings of ghetto, camp, and resistance songs, and collaborated on numerous theatre, film, and concert projects. He holds a PhD in ethnomusicology from UCLA.

Temma Schaechter is a singer, songwriter, and actress. She has performed since she was three, appearing on four continents as half of *Di Shekhter-tekhter*. She was featured in a documentary film, *When Our Bubbas and Zeydas Were Young: The Schaechter Sisters on Stage*, which was presented at the Montreal International Yiddish Theatre Festival, Miami Jewish Film Festival, and Toronto's Ashkenaz Festival. In her original music, Temma draws on her diverse backgrounds in Yiddish, folk, jazz, indie, musical theater, and classical music. In May 2024, she sang at Carnegie Hall with the Philadelphia Orchestra Symphonic Choir.

Binyumen Schaechter is an award-winning composer, arranger, conductor and pianist, both of American musical theater as well as Yiddish music. He is the conductor of the acclaimed Yiddish Philharmonic Chorus, which performs exclusively in Yiddish. His singable Yiddish translations of "Baby, It's Cold Outside," "Auld Lang Syne," and "Over the Rainbow" are on YouTube, as are his choral arrangements of "*Partizaner-himen*," "*Afn veg shteyt a boym*," and a jazzy Yiddish "*Dayenu*." He leads workshops and lectures on Yiddish music and culture (including "Ashkenazic Family Names: What Our Names Mean About Our Families") and growing up speaking Yiddish in contemporary America.

This program was made available through the generosity of our donors and supporters. YIVO depends on donations to underwrite our public programs and to fulfill our mission.

You can support YIVO by visiting **yivo.org/Support**.

*Thank you!*


## YIVO BOARD OF DIRECTORS

**Chair:** Ruth Levine | **Vice Chair:** Irene Pletka

Edward Blank
Martin Flumenbaum
Meryl Frank
Leo Melamed
Jacob Morowitz
Elisa New
Ilya Prizel
Jon Richmond
Eric Rubin
Bruce Slovin*
Warren Stern
Harry Wagner

**Chairman Emeritus*

Jonathan Brent, *Executive Director and CEO*
Melissa S. Cohen, *Chief Development Officer*
Alex Weiser, *Director of Public Programs*


The YIVO Institute for Jewish Research is dedicated to the preservation and study of the history and culture of East European Jewry worldwide. For nearly a century, YIVO has pioneered new forms of Jewish scholarship, research, education, and cultural expression. Our public programs and exhibitions, as well as online and on-site courses, extend our global outreach and enable us to share our vast resources. The YIVO Archives contains more than 24 million original items and YIVO's Library has over 400,000 volumes—the single largest resource for such study in the world.


**yivo.org** | **info@yivo.org**